**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט א נאנט צו $32 מיליאן אין קאפיטאל פאנדינג פאר נאַן-פּראָפּיט קונסט און קולטוראַלע אָרגאַניזאַציעס**

***NYSCA גרענטס וועלן שטיצן איבער 100 פּראָיעקטן אין אלע 10 ראיאנען פון ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז כמעט $32 מיליאן איז געווארן צוגעטיילט דורכ'ן ניו יארק סטעיט קאונסיל אויף די קונסט'ס קאפיטאל פּראָיעקט פאָנד צו שטיצן 102 פּראָיעקטן אין יעדע ראַיאָן פונעם סטעיט. דער דאָזיגער אינוועסטמענט אין נאַן-פּראָפּיט קונסט און קולטוראַלע אָרגאַניזאציעס דורכאויס ניו יארק שטיצט קריטישע געביידע רענאָוואַציעס, צוטריט פארבעסערונגען און נייע ערטער פאר שעפערישע און קולטוראַלע ארבעט. ארגאניזאציעס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי האבן באקומען 55 פראצענט פונעם געשאנק, בשעת 69 פראצענט פונעם געשאנק איז געגאנגען צו ארגאניזאציעס מיט בודזשעטן אונטער $3 מיליאן.

"די איבער 100 פראיעקטן וואס מיר שטיצן דורך דעם פאנדינג וועט דעמאנסטרירן קונסט און קולטוראלע ארגאניזאציעס דורכאויס דעם סטעיט און שטופן עקאנאמישע אנטוויקלונגען פאר די קומענדיגע צענדליגע יארן," **האט גאווערנאר האָקול געזאגט.** "פון היסטארישע ערטער ביז מולטי-באנוצער קונסט צענטערן, וועלן די פארשידענארטיגע פראיעקטן אויסברייטערן די צוטריט און די אָנהאַלטליכקייט פון קונסט און קולטוראלע ארגאניזאציעס בשעתן מאכן וואַקסן די לאָקאַלע עקאנאמיעס, ברענגען טוריזם און שאפן דזשאַבס דורכאויס די גאנצע סטעיט."

NYSCA'ס קאפיטאל פראיעקטן פאר קונסט און קולטור זענען סטראטעגישע אינוועסטמענטס וואס געבן כח פאר די ארגאניזאציעס צו קענען בעסער סערווירן און ארייננעמען זייערע געמיינדעס. זיי ערמעגליכן קונסט און קולטוראלע ערטער צו ווערן מער פיזיש צוטריטליך און אנהאלטליך, באריייכערנדיג ארגאניזאציעס' מעגליכקייט זיך צו פארבינדן מיטן עולם און ווערן וויכטיגע דעסטינאציעס פאר איינוואוינער און באזוכער צוגלייך. שטארקע פראיעקטן קאמבינירן אויסגעצייכענטקייט אין אויסשטעל מיט אינפארמירטע באשלוסן וואס וועט סערווירן און פארשטערקערן ניו יארק'ס קונסט און קולטוראלע סעקטאָר, אויפלעבן לאקאלע עקאנאמיעס, שטופן אינוועסטמענט אין אונזערע געמיינדעס, און העלפן פארזיכערן אז אונזערער קולטוראלע ארגאניזאציעס בלייבן שטארק.

NYSCA געשאנקען געמאלדן היינט רעכענען אריין צוויי גרענט קאטאגאריעס: קליינע און מיטלמאסיגע קאפיטאל פארבעסערונגען גרענטס - וואס לויפן פון $50,000 ביז $2 מיליאן - און גרויסע קאפיטאל פארבעסערונג גרענטס - וועלכע לויפן פון $2 מיליאן ביז $10 מיליאן און פאָקוסירן אויף גרויסארטיגע קאפיטאל פראיעקטן וואס פריאָריטיזירן געמיינדע אנטוויקלונג און שאפן פלעצער.
NYSCA פאנדינג וועט שטיצן פראיעקטן אריינגערעכנט:

**סנוג האַרבאָר קולטוראלע צענטער און באָטאַניקאַל גאָרטן - סטעטען איילענד, NY (ניו יארק סיטי)**

פראיעקט געלטער וועלן שטיצן דאס אויסשטאפירן פון נייע טעאטערישע סיסטעמען אלץ א חלק פון א גרויסע אויסברייטערונג פונעם סנוג האַרבאר קולטוראלע צענטער'ס היסטאָרישע מוזיק זאל. מיטן צוגאב כמעט פערטיג, וועט דער ארגאניזאציע פארבעסערן די באלייכטונג, סאונד, און ווידיא סיסטעמען און ערזעצן די אוידיטאריום זיצן פון דעם גאנצן זאַל.

**קאָללאַר וואָרקס - טראָי, NY (הויפט שטאט ראַיאָן)**
דער פראיעקט וועט פארוואנדלען א היסטארישע אייזן-פאבריק אין א נייע פראכטפולע צוטריטליכע מולטי-קונסט צענטער מיט אן אינדוסטריאלע גאלעריע ארט, 11 עפארדעבל סטודיאס, צוזאמען-ארבעט פלאץ פאר ארטיסטן, פאבליק בית הכסא'ס, רעסטוראנט/געסט פלאץ און א פלעקסיבל דרויסענדיגע הויף פאר ציבורישע פארזאמלונגען און פראגראמינג.

**דזשאָן וו. דזשאָנס מוזעאום - עלמיראַ NY (סאוטערן טיער)**
דער פראיעקט וועט ערמעגליכן דאס אויפבויען א צוגאב צום מוזעאום'ס הויפט געביידע, די היסטארישע היים פונעם אפריקאנער אמעריקאנער אבאליציאניסט און אונטערערדישע באן סטאנציע מייסטער דזשאן וו. דזשאנס. דער נייער, צוטריטליכע צוגאב וועט שטארק אויסברייטערן דער נומער פון באזוכער וואס קענען באזוכן דעם מוזעאום אין די זעלבער צייט און ערמעגליכן דעם ארגאניזאציע צו לויפן פראגראמען אויפן פלאץ וואס פלעגט ביז יעצט אפגעהאלטן ווערן ערגעץ אנדערש.

**אָפּטאַון טיאטער פאר שעפערישע קונסט - יוטיקאַ, NY (מאָהאַוק וואַלי)**
די געלטער וועלן שטיצן דאס ענדיגן אויפפרישן, אויסשטאטן, און צוריק-עפענונג פונעם היסטארישן 1920s-תקופה אפטאון טעאַטער פאר שעפערישע קונסט אין יוטיקא. דער פראיעקט וועט ערמעגליכן UTCA צו ברענגען נייע קולטוראלע פראגראמינג און צוגעבן צום אויפלעבונג פון יוטיקא'ס אפטאון שכונה אין די פריער פארלאזטע פלאץ.

**קרעיגאַרדאַן - עליזאַבעטטאַון, NY (צפון קאנטרי)**
די געלטער וועלן ערמעגליכן דאס אויפבויען פונעם הויפט געביידע, א צוטריטליכע זאל מיט גאלעריעס און פלאץ פאר קולטוראלע פראגראמינג, פארזאמלונגען, און ערציאונג אלץ א חלק פונעם אויסברייטערונג פונעם ארגאניזאציע'ס מולטי-איינריכטונג קונסט קעמפוס.

**שאַנדאַקען טעאטערישע סאָסייעטי (dba Phoenicia Playhouse) - פינישע, NY (מיד האָדסאָן)**
די געלטער וועלן העלפן דאס אויפפרישן דעם פראנט און די הויפט אריינגאנג פונעם טעאטער צו פארבעסערן זיכערהייט און צוטריט פאר אלע באזוכער.

**גאַרטה פעיגען דענס - ראָטשעסטער, NY (מערב ניו יארק)**
גאַרטה פעיגען דענס וועט ערזעצן זייער אלטע באלייכטונג צוגעהערן מיט א נייע, ענערגיע שפארזאמע פולקאם פראגראמירבארע LED טעאטערישע באלייכטונג סיסטעם.

קליק [דא](#) פאר א פולקאמע ליסטע פון די וואס באקומען די געשאנקען.

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פון קונסט עקסעקוטיוו דירעקטאר עריקא מאלין האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר צום גאווערנאר האקול און צום לעגיסלאטור פאר זייער שטיצע. די פראיעקטן זענען זייער וויכטיג פאר די וואוקס און די וואוילזיין פון אונזער שעפערישע אינדוסטריע און אונזערע געמיינדעס, ספעציעל ווען מיר זעצן פאר צו פירן די ערהוילונג פוון אונזער שעפערישע סעקטאר. די שטיצע וועט העלפן טרייבן לאקאלע עקאנאמיעס, צואיילן אינוועסטמענט אין אונזערע געמיינדעס און העלפן פארזיכערן די לעבהאפט פון אונזערע קולטוראלע ארגאניזאציעס יעצט און אין די צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט קאונסיל פון קונסט פארזיצער קעטערין ניקאָלס האט געזאגט,** "אין נאמען פון די שטאב פון NYSCA און די קאונסיל גראטולירן מיר אלע וואס האבן באקומען פון אונזער פיסקאלע יאר 2024 קאפיטאל פראיעקט פאנד גראנטיס. מיר אנערקענען די אויסגעצייכנעטקייט פון אייערע פראיעקטן, און מיר דאנקען אייך פאר אייער איבערגעגעבענע פירערשאפט פון די דאזיגע וויכטיגע ניו יארק קונסט און קולטוראלע איינריכטונגען. אלע ניו יארקער קענען קוקן פאראויס צו זען די דאזיגע וויכטיגע פראיעקטן זיך אנטוויקלען און זען ווי זיי העלפן בליען און מאכן שעפעריש אין געמיינדעס דורכאויס דעם סטעיט פאר די קומענדיגע יארן."

**סטעיט סענאַטאר דזשאָוס סעראַנאָ האט געזאגט,** "דורך שטיצן קונסט און קולטור, פלעגן מיר לאקאלע עקאנאמיעס, העלפן טוריזם, שאפן דזשאבס, און אינספירירן לערנער פון אלע יארגענג. די דאזיגע קעפיטאלע גרענטס וועלן פארבעסערן צוטריט און די עקזיסטענץ פון ניו יארק'ס קונסט און קולטוראלע ארגאניזאציעס, און מיט דעם העלפן געמיינדעס דורכאויס דעם סטעיט צו וואקסן און בליען. גראטולאציעס פאר אלע וואס באקומען גרענטס."

**אסעמבלימיטגליד דאניעל אָ'דאָנעל האט געזאגט,** "אלץ פארזיצער פונעם טוריזם, פארקס, קונסט, און ספארטס אנטוויקלונג קאמיטע, האב איך געזען ערשט האנטיג די ענטשיידענדע ראלע וואס קאפיטאל פאנדינג שפילט אין העלפן קונסט און קולטוראלע ארגאניזאציעס דורכאויס די סטעיט. מיט NYSCA'ס קאפיטאל פראיעקט פאנדן וועט עס טון מער ווי בלויז פארבעסערן זייער אינפראסטראקטור און אפעראציעס - עס וועט באררייכערן זייער מעגליכקייט צו אריינעמען, ערציען, און אינספירירן אונזערע געמיינדעס. די סארט אינוועסטמענטס זענען נויטווענדיג צו באררייכערן אונזער סטעיט'ס קולטוראלע לאנדשאפט, און איך קוק פאראויס צו זען דעם פאזיטיוון עפעקט וואס דאס וועט האבן אויף די קומענדיגע דורות."

זינט די NYSCA קאפיטאל פאנדינג פראיעקט האט זיך אנגעהויבן אין 2018, האט די אגענטור געשאנקען 473 קאפיטאל גרענטס, בסך הכל $214 מיליאן, דורכאויס אלע 10 סטעיט ראַיאָנען דורך די שטיצע פון די גאווערנער און די לעגיסלאטור. די פראיעקטן פארגרעסערן די קאפאציטעט פון באשעפטיגונג און רוקן פאראויס קולטורישע צוזאמקונפט ערטער אלס טוריזם דעסטינאציעס, פארשטערקערנדיג ניו יארק'ס גאסטגעבונג, עסנווארג און געטראנקען און ריטעיל געשעפטן סעקטארן.

אין צוגאב צו די קאפיטאל פראיעקטן פאנד, האט NYSCA געשאנקען $80 מיליאן אין נאן-קאפיטאל גרענטס צו איבער 1,000 קונסט ארגאניזאציעס און צו מער ווי 500 אינדיווידועלע ארטיסטן אין די פיסקאלע יאר 2024.

גאווערנאר האקול זעצט פאר צו מאכן רעקארד אינוועסטמענטס צו מאכן וואקסן ניו יארק'ס נאציאנאל-פירנדע קונסט און קולטוראלע סעקטאר. די פיסקאלע יאר 2025 באשטימטע בודזשעט אנטהאלט איבער $80 מיליאן פאר NYSCA אלגעמיינע אפעראציעס צו שטיצן נאן-פראפיט ארגאניזאציעס און אינדיווידועלע ארטיסטן, און נאך $80 מיליאן אין קאפיטאל פינאנצירונג צו ערמעגליכן די NYSCA צו פארשלאגן נאך א רונדע פון גרענטס פאר פראיעקטן פון אלע מאסן, וואס לויפן פון $50,000 ביז $10 מיליאן. די פיסקאלע יאר 2025 באשטימטע בודזשעט שטעלט אויך אוועק צוויי נייע פראגראמען צו העלפן ארטיסטן זיך שטעלן אויפן באלעמער אין די סטעיט'ס פארזעצנדע עקענאמישער וואוקס - פלעגענדיג ערטער פאר קונסטווערק דורכאויס ראיאנאלע וואנט בילדער (Cultivating Havens for the Arts through Regional Murals, CHARM NY), וועלכע וועט פאנדן דאס דיזיין און אינסטאלירן פאבליק וואנט בילדער און געמיינדעס דורכאויס ניו יארק; און די "סטעיט אויף די ארטס" פעלאושיפ פראגראם, וועלכע וועט פלאצירן ארטיסטן ביי סטעיט אגענטורן צו פאראויסרוקן פאבליק פאליסי צילן דורך שעפערישע צוגענג.

**איבער די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסט**

די מיסיע פון די ניו יארק סטעיט קאונסיל פאר קונסטווערק איז צו פלעגן און פאראויס שטופן די פולע ספעקטרום פון ניו יארק סטעיט'ס קונסט, קולטור און שעפערישקייט פאר יעדן. כדי צו שטיצן די אנגייענדע ערהוילונג פון די קונסט פעלד אריבער ניו יארק סטעיט, וועט די קאונסיל פאר קונסטווערק פארטיילן 127 מיליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2024, באדינענדיג איבער 2,000 קונסט ארגאניזאציעס און קונסטלער אריבער אלע 10 סטעיט ראיאנען. די קאונסיל פאר קונסטווערק טוט ווייטער פאראויס שטופן ניו יארק'ס שעפערישע קולטור דורכן צוזאמברענגען פירער אין דעם פעלד און צושטעלן ארגאניזירונג און פראפעסיאנאלע אנטוויקלונג געלעגנהייטן און אזוי אויך אינפארמאציע קוועלער. געגרינדעט דורך גאווערנאר נעלסאן ראקעפעלער אין 1960 און יעצט מיט די שטיצע פון גאווערנער קעטי האקול און די ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור, איז די קאונסיל אן אגענטור וועלכע איז טייל פון די עקזעקיוטיוו ברענטש פון די רעגירונג. פאר מער אינפארמאציע איבער NYSCA, באזוכט ביטע www.arts.ny.gov און פאַלאָוט NYSCA'ס Facebook בלאט, אויף X @NYSCArts און אויף Instagram @NYSCouncilontheArts.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן